בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בשלח

י"ג שבט תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:36 |
| מוצש"ק | 5:51 |
| ר"ת | 6:30 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:27 | סוז"ת א' 9:35 |
| סוזק"ש ב' 9:11 | סוז"ת ב' 10:04 |

גליון מס': קע"א

שנה ד'

## טיב הפרשה

# אז ישיר משה

## פערל-ווערטער אויף די שירה

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די קריעת ים סוף און איבער די שירה וואס כלל ישראל האט געזאגט נאך די שירת הים.

לכבוד שבת שירה ברענגען מיר דא אראפ עטליכע געדאנקען פון מורינו שליט"א אויף די שירה און אויך איבער די מעמד פון קריעת ים סוף, און ווי אזוי מען קען זיך שטארקן מיט אירע יסודות אין אמונה און אויך איבער די שירת הים.

מיר וועלן אנהייבן מיט דער עצם נס פון קריעת ים סוף. די תוה"ק דערציילט אונז ווי אזוי די נס איז צוגעגאנגען און וואס עס האט פאסירט פאר די ים האט זיך געשפאלטן. אין די פרשה לערנען מיר אז איידער די ים האט זיך געשפאלטן איז כלל ישראל געווען אנגעצויגן וואס גייט זיין און משה רבינו האט זיי געהייסן מתפלל זיין.

אין יענע אנגעצויגן מינוטן זאגט הקב"ה פאר משה רבינו [שמות יד, טז] ואתה הרם את מטך ונטה את ידך על הים ובקעהו.

דער רבוש"ע רעדט צו משה רבינו און הייסט אים ער זאל אויפהייבן זיין שטעקן און עס לייגן העבער די ים, און אזוי ארום וועט זיך די ים שפאלטן מיט זיין שטעקן.

ווען מען לערנט די פסוקים מיט א פשטות זעט זיך אויס ווי הקב"ה האט באפוילן פאר משה רבינו ער זאל שפאלטן די ים, אבער ווען מען גייט אריבער עטליכע פסוקים שפעטער, זעט מען אן אנדערע מעשה.

דארטן שטייט אז משה רבינו האט גענייגט זיין האנט העבער די ים אבער ווער עס קומט צו שפַּאלטן די ים שטייט אז הקב"ה האט געשפָּאלטן די ים, און ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק [כא] וַיּוֹלֶךְ ה' אֶת הַיָּם בְּרוּחַ קָדִים עַזָּה כָּל הַלַּיְלָה, און שפעטער שטייט אויסגעפירט 'וַיִּבָּקְעוּ הַמָּיִם', אז הקב"ה האט געשפאלטן דער ים.

אויך ביי מעריב יעדע נאכט זאגט מען די זעלבע זאך. מען רעדט פון משה רבינו און אז דער ים איז געשפאלטן געווארן דורך הקב"ה, און אז משה רבינו איז געשטאנען אין די זייט און זיך צוגעקוקט ווי אזוי כביכול שפאלט דעם ים ווי עס איז דער לשון ביים דאווענען 'מלכותך ראו בניך בוקע ים לפני משה'.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די פסוקים זעט אויס ווי א שטיקל סתירה. פון איין זייט זעט עס אויס ווי הקב"ה גיט די כח פאר משה רבינו אז ער זאל מיט זיין שטעקן שפאלטן די ים, אבער דאגעגן זעט מען אז הקב"ה האט עס געשפאלטן.

עס קען זיין אז הקב"ה וויל אונז דערמיט אויסלערנען א יסודות'דיגער מהלך אין עבודת ה'.

מיר ווייסן אז אלעס אין דער וועלט טוט דער רבוש"ע, אבער דאס מיינט נישט אז מען דארף נישט טון. אויף אונז ליגט צוויי פליכטן. פון איין זייט איז דא דער ציווי ה' אז מען זאל טון וואס מען האט צו טון אבער דאס איז ממש נישט קיין סתירה צו דער עצם מעשה, אז ווער עס מאכט די מעשה איז הקב"ה.

מיר צווייפלען נישט ווער עס האט געשפאלטן די ים סוף און אז עס איז מעשה ידיו פון הקב"ה, אבער אין די זעלבע צייט זענען מיר איבערגעצייגט אז מיר מוזן ממלא זיין רצון ה', און אז דער רבוש"ע הייסט אויפהייבן די הענט למעלה ווען מיר עס טון.

### איין מינוט אמונה

נאך א יסודות'דיגע זאך וואס מען לערנט ארויס פון קריעת ים סוף איז איבער די צוגאנג פון די געשעעניש.

מיט א פשוט'ער בליק זעט אויס אז די ציל פון קריעת ים סוף איז געווען א נקמה אין די מצרים.

אבער מיט א טיפערע בליק זעט מען אז עס קען נישט זיין אז דאס איז געווען די מטרה, ווייל אויב דאס איז געווען די מטרה, האט הקב"ה געהאט נאך אסאך וועגן ווי אזוי ער האט געקענט אומברענגען די מצרים. ער וואלט געקענט מאכן ביי זיי די זעלבע נס וואס ער האט געמאכט ביי סנחריב אז זיי זאלן אויסשטארבן.

## טיב המערכת

### תיקון המידות אין די שובבי"ם טעג

אויף דער עלטער פון דער הייליגער אפטער רב זי"ע, האט אמאל פאסירט אז זיין משמש האט גאדארפט ארויסגיין פון זיין הויז פאר א קורצע צייט, און אינצווישן איז אריינגעקומען אן עלטערע פרוי צו דער צימער פון דער הייליגער צדיק. דער הייליגער אפטער רב האט אנגעהויבן ביטערליך צו שרייען, און דער גבאי וואס איז געווען אינדרויסן האט געהערט די געשרייען פונעם צדיק און איז גלייך געקומען מיט א בהלה צום הייליגן צימער. ווען ער האט געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס דער רבי האט אזוי געשריגן, האט אים דער רבי אנגעשריגן פארוואס ער האט אים געלאזט זיין אליין מיט א פרוי.

האט זיך דער משמש געוואונדערט און געפרעגט: דער רבי איז דאך אן עלטערער איד און איז אויך שוואך און קראנק און ליגט אין בעט, און אויך די פרוי איז אן עלטערע פרוי, צודען איז אויך דא אין אזא פאל דער חשש פון יחוד? האט דער הייליגער צדיק געענטפערט זיין משמש און אים געזאגט: דו אנערקענסט נישט אינעם כח פונעם יצר הרע, ער קען מיר נאך געזונט מאכן און אויך מאכן אז די פרוי זאל ווערן צוריק יונג.

ענדליך דערצו, געפינען מיר אין די פרשה פון די וואך. אין די פרשה לערנען מיר אז ווען די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, וואלט זיי הקב"ה געקענט פירן קיין ארץ ישראל דורכן לאנד פלשתים, און דערמיט מאכן אז די וועג זאל זיין קורצער, און זיי גלייך אריינברענגען אין ארץ ישראל, נאר דער אויבערשטער האט דאס נישט געוואלט, כִּי אָמַר פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה.

אייגנטליך דארפן מיר פארשטיין, ווייל מען רעדט דאך דא פונעם הייליגן פאלק וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, און מיט זייערע אייגענע אויגן האבן זיי געזען דעם גרויסן כח פון הקב"ה, וויבאלד ארץ מצרים איז דאך געווען די שווערסטע קליפה, און איז געווען פול מיט עבודה זרה, און עס איז איבערהויפט נישט געווען קיין מעגליכקייט אז א קנעכט זאל אנטלויפן פון דארט, ווייל אויב וואלט איינער פראבירט זיין מזל וואלטן גלייך די כוחות הטומאה זיך גערייצט אין אים, ביז ער וואלט געווען געצוואונגען זיך צוריק אויסצודרייען און צוריקגיין קיין מצרים, און דא האט דער אויבערשטער געטון געוואלדיגע וואונדער און האט זיי צושלאגן מיט צען מכות און צושטערט אלע כישוף, און ער האט אזוי שטארק אונטערטעניגט די מצריים פאר די אידן, אז זיי האבן זיך געאיילט זיי אוועקצושיקן מיט אלע גוטס פון זייערע געוועזענע הארן אין זייערע הענט.

אט דאס אלעס האט דער דור אליין געזען, און פונדעסטוועגן האט הקב"ה חושש געווען פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה, און וויבאלד זיי האבן דאך אליין געזען אזעלכע מורא'דיגע וואונדער איז דאס אוודאי געווען זייער א ווייטע חשש, איז פארוואס האט הקב"ה געזען פאר ריכטיג זיי צו מבטל זיין פון די מצוה פון ישוב ארץ ישראל צוליב דעם חשש.

פון דא לערנען מיר אויף ווי ווייט איז דער כח פונעם יצר הרע, וואס אין א רגע קען ער מאכן פארגעסן פון א מענטש אלעס וואס ער האט געזען און וואס ער ווייסט, כדי אים אריינצוברענגען אין א מצב פון א נסיון. און פון דא דארפן מיר ארויסלערנען א מוסר, אז א מענטש זאל זיך נישט פארלאזן אויף זיין אייגענעם פארשטאנד און חכמה, נאר מען זאל זיך דערווייטערן פון פילע שַׁעֲרֵי הֶתֵּר, כדי מען זאל נישט צוקומען צו א מצב וואו מען וועט זיך דארפן פארמעסטן מיט אן איסור, חלילה וחס.

(עפ"י טיב התורה - בשלח)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

פון נאך ווינקלען זעט מען אז די מטרה איז געווען אריינצולייגן אמונה, ווייל מען זעט דאך אז אין די צייט ווען דער ים סוף האט זיך געשפאלטן, האט זיך מיטגעשפאלטן מיט איר אלע וואסערן פון די וועלט און פארוואס האט דאס אויסגעפעלט? נאר דער ענין איז געווען אריינצולייגן אמונה אין כלל ישראל.

אבער אויך די תשובה אז עס איז געווען אריינצולייגן אמונה אין א איד איז אויך שווער. די אידן האבן דאך געזען אזויפיל ניסים אין מצרים. זיי זענען שוין געווען פול מיט אמונה, פארוואס זאלן זיי דארפן זען נאך אמונה?

עס קען זיין בדרך אפשר אז די אמונה איז געווען פאר די מצרים, דער רבוש"ע האט געוואלט אז די מצרים זאלן זען דער יד ה' און ווערן אנגעפולט מיט אמונה ווי דער פסוק זאגט (שם יד, ד): וידעו מצרים כי אני ד'.

די שאלה וואס עס שטעלט זיך איז אז די מצרים זענען דאך גלייך נאך דעם געשטארבן און ווילאנג האבן זיי דען אנגעיאגט צו זיין באמונה? אבער עס קען זיין אז דאס לאזט טאקע די תורה הק' דא הערן. ער לאזט דיר הערן אז 'אמונה' אפילו ווען עס איז קורץ, פאר אביסל צייט, איז עס אזוי חשוב, אז עס לוינט וועגן דעם איבערצודרייען די גאנצע טבע.

די מצרים האבן געהאט אמונה און זענען געשטארבן מיט א הכרה אז השי"ת פירט די וועלט, און אז פאר זייער ביסל אמונה האט זיך געלוינט איבערצודרייען א וועלט, איז זיכער אז די אמונה פון א איד איז חשוב, אפילו ווען די אמונה פון א איד איז נאר פאר ווייניג צייט.

## אמונה דארף שטענדיגע חיזוק

די תוה"ק דערציילט אונז די גרויסע ניסים וואס איז געווען ביי די מעמד קריעת ים סוף, אז די ים האט זיך געשפאלטן און אז מען האט געזען די ניסים אפענערהייט.

לאמיר זיך מתבונן זיין אין דער לשון הפסוק וואס שטייט אנהייב די שירה (שמות יד, לא): וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים וייראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו. ווען מען לערנט אפ גוט די פירוש המילות זעט מען דא צוויי זאכן. עס שטייט 'וירא ישראל' אז אידישע קינדער האבן געזען די ניסים, און גלייך נאך דעם שטייט 'ויאמינו בה'.

לכאורה אויב עס איז געווען א 'ראיה' אז מען האט געזען בחוש, צי וואס פעלט זיך אויס 'אמונה'.

אמונה איז שייך ווען מ'זעט נישט, אז מען זעט איז נישט שייך קיין אמונה?

נאר די תוה"ק קומט אונז דא לאזן הערן א שטארקער דערהער אויף לעתיד. די תוה"ק וויל אונז זאגן אז 'יראה' איז נישט אייביג געגנוג. עס קען זיין א מצב אז א איד זעט בחוש די ישועה, אבער ער איז עס תולה אין אנדערע זייטיגע זאכן.

אויך ווען עס איז דא יראה - דארף אויך זיין אמונה, נאר ווען זיי גייען צוזאמען איז די אמונה א שלימות'דיגע אמונה און עס גייט אריין אין די ביינער.

דאס איז א לימוד אויף אייביג, מען דארף זיך שטענדיג שטארקן אין אמונה, אין די השגחה, ווייל אז מ'שטארקט זיך נישט שטענדיג קען מען זיך נאך טועה זיין, אפילו אז מען זעט עס אפענערהייט, ווייל אמונה דארף האבן שטענדיגע חיזוק.

## אלקי אבי וארוממנהו - אין זכות פון די מסורת אבות

נאך א נקודה וואס די שירה און די ניסים פון קריעת ים סוף לערנט אונז, איז די חשיבות פון זיין דבוק אין די מסורת אבות וואס מיר האבן מקבל געווען מדור דור.

ביי די שירה האט כלל ישראל געזאגט 'זה קלי ואנוהו - אלקי אבי וארוממנהו'.

רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז אין דער 'זה קלי' ליגט די בחינה אז ביי די מעמד פון קריעת ים סוף האט כלל ישראל זוכה געווען צו א הויכע דרגה פון גילוי השכינה, און אז אויך א שפחה על הים האט געזען די שכינה און געזאגט 'זה קלי ואנוהו'.

רש"י זאגט נאך מער פון דעם. ער לייגט צו אז אין דער 'ואנוהו' ליגט דער דערהער אז בזכות די השגה וואס כלל ישראל האט געהאט ביים מעמד קריעת ים סוף האבן זיי שפעטער זוכה געווען צו השראת השכינה אינעם משכן, און אז דאס ליגט מרומז אין דער ווארט 'ואנוהו' אז מען וועט באשיינען הקב"ה מיט די השראת השכינה אין משכן.

מען זעט פון דעם די גדלות פון כלל ישראל ביי דער מעמד קריעת ים סוף, אבער מען זעט אויך אז שוין גלייך ביי קריעת ים סוף האט כלל ישראל בנשימה אחת צוגעלייגט נאך א נקודה, די נקודה פון 'אלקי אבי וארוממנהו', ווייל ווי גרויס און ווי שטארק א איד איז און וויפיל גילויים מען האט וועט זיך אייביג אויספעלן אז מען זאל זיין געבינדן מיט די מסורה, מיט אונזער אפשטאם פון די אמאליגע יארן, און ווי רש"י זאגט אויפ'ן ארט לֹא אֲנִי תְּחִלַּת הַקְּדֻשָּׁה, אֶלָּא מֻחְזֶקֶת וְעוֹמֶדֶת לִי הַקְּדֻשָּׁה וֶאֱלָהוּתוֹ עָלַי מִימֵי אֲבוֹתַי.

די תוה"ק איז מדגיש די נקודה אז אויך אין די גרעסטע גדלות האט כלל ישראל נישט פארגעסן זייער אפשטאם און די פליכט צו בלייבן אייביג אנגעבינדן אין דעם הייליגן שורש.

## די כח פון איין 'ווארט' אמונה

מיר האבן פריער דערמאנט די נקודה אז הקב"ה האט משדד געווען די טבע, כדי די מצרים זאלן האבן איין רגע אמונה.

מען קען צולייגן צו דעם די נקודה פון די חשיבות פון איין ווארט 'אמונה'.

דער מכילתא זאגט אויפ'ן פסוק נטית ימינך תבלעמו ארץ, אז וועגן דעם האבן די מצרים זוכה געווען צוקומען צו קבורה ווייל פרעה האט געזאגט צו משה רבינו 'ה' הצדיק' און ווי עס איז דער לשון פון דער מכילתא: אמר הקב"ה: אתם צדקתם עליכם את הדין, אף אני לא אקפח לכם שכרכם ואתן לכם מקום קבורה, שנאמר: 'נטית ימינך תבלעמו ארץ'.

עס האט מיר אמאל נאכגעזאגט הרה"ח ר' דוד פאקשער זצ"ל אז ער האט אמאל געהערט פון הרה"ק רבי מרדכי חיים מסלאנים זצ"ל אז מיר ווייסן אז עס איז דא דריי זאכן צו וואס יעדער איד שטרעבט און צילט. די ערשטע זאך איז אז ווען ער גייט אוועק פון די וועלט זאל זיין אנוועזענד א מנין אידן ביי יציאת נשמה, די צווייטע זאך איז אז זיין געלט זאל גיין פאר צדקה און עס זאל זיך מערן זיינע זכותים אויף די וועלט, אויך נאך זיין פטירה, די דריטע זאך איז אז זיין קבורה זאל זיך באשעפטיגן ערליכע אידן.

ר' מאטעל האט אויסגעפירט אז ווען מען טראכט אריין האבן די מצרים זוכה געווען צו אלע דריי זאכן.

זיי האבן זוכה געווען אז גאנץ כלל ישראל איז געווען דארט ווען די נשמה איז ארויס פון זיי און האבן געזאגט שירה פאר הקב"ה. זיי האבן זוכה געווען אז די גאנצע פארמעגן וואס זיי האבן געהאט איז געגאנגען פאר די אידן, און זיי האבן זוכה געווען אז הקב"ה בכבודו ובעצמו האט זיך באשעפטיגט מיט זייער קבורה ווייל די ערד האט זיי איינגעשלינגען.

און צו דאס אלעס האבן זיי זוכה געווען אדאנק די איין ווארט אמונה וואס פרעה האט ארויסגעזאגט פון זיין מויל.

מען זעט פון דעם די גרויסע כח פון איין ווארט 'אמונה', און עס איז א קל וחומר אז ווען א איד לעבט שטענדיג מיט די אמונה צו וואספארא גרויסע זאכן ער איז זוכה.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן דורך לייענערס

# צוויי אלטע תלמידות און א שידוך

איך טוה נישט אין קיין שידוכים און איך בין אויך נישט קיין שדכנ'טע, אבער ווען הקב"ה וויל אז א שידוך זאל זיך ענדיגן - ענדיגט זיך עס.

מיין מעשה הייבט זיך אן אין די סעמינאר. פאר לאנגע יארן דין איך שוין דארט אלץ לערערין און כ'געב איבער שיעורים פאר די מיידלעך.

איין טאג, זיץ איך אין סעמינאר ביי די ארבעט, ווען אינמיטן איז געקומען צוגיין אן אלטע תלמידה.

זייענדיג א געוועזענע תלמידה האב איך איר באגריסט, איך האב זיך אינטערעסירט וואס זי מאכט, ווי אזוי עס גייט ביי איר.

די תלמידה איז נישט א תלמידה וואס כ'טרעף אפט, זי וואוינט נישט אין מיין געגענט. איך טרעף אויך נישט קיין באקאנטע פון איר, אז איך זאל קענען הערן נייעס וואס עס טוט זיך מיט איר.

איך האב גערעדט מיט איר און כ'האב פארשטאנען אז זי האט נאכנישט געטראפן איר באשערטע זיווג. עס האט זיך גערעדט פון א פיינע מיידל, זי קומט פון א פיינע שטוב, איך בין געווען זיכער אז זי איז שוין א מאמע פון קינדער, אבער דא ווער איך געוואויר אז זי האלט נאכנישט דארט.

די שמועס איז געקומען צו אן ענדע, איך האב גענומען אירע דעטאלן און עס אוועקגעלייגט ביי מיר.

פון יענע שמועס איז אריבער אפאר טעג און נאך אן אלטע תלמידה איז געקומען באזוכן די סעמינאר. מיר האבן גערעדט און זי געבט מיר א זאג אז זי האט נאך א ברודער העכער איר.

זי האט גערעדט פון די מעלות פון אירע ברודער און אים שטארק אויסגעלויבט און אויסגעפירט אז אויב כ'ווייס פון א פאסיגער שידוך פאר איר וואלט זי זיך זייער געפרייט.

אין יענע רגע האב איך זיך דערמאנט פון יענע תלמידה, איך האב אנגעהויבן טראכטן ווי פאסיג די שידוך איז פאר איר און פאר די שטוב.

איך האב עס אנגעטראגן, און געציילטע טעג שפעטער איז געווען א מזל טוב.

איך בין טאקע נישט קיין שדכנ'טע, אבער איך האב דא געזען בחוש ווי עס פירט זיך אזוי אז איך זאל אויספירן א שידוך אז פונקט זענען צוויי תלמידה'ס געקומען צוגיין און גערעדט וועגן א שידוך.

ברוך ה' אז איך האב געקענט זיין די גוטע שליח אויסצופירן די שידוך.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ד.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# יְגִיעַת הַתּוֹרָה אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם

"הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ, אִם אָיִן" (יז, ז)

בְּדֶרֶךְ רֶמֶז, האט הרה"ק **רבי מרדכי'לע נאדווערנער זצוק"ל** ערקלערט (חומש פניני החסידות שם) ווי פאלגנד: וויאזוי קענען מיר וויסן 'הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ' – צי דער אויבערשטער געפינט זיך צווישן אונז, "אִם אָיִן", אויב דער מענטש האלט זיך מיט די מדה פון ענוה, און ער איז ביי זיך גארנישט מיט נישט, דעמאלטס איז 'יֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה נז, טו) "כִּי כֹה אָמַר רָם וְנִשָּׂא כו' מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן, וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ, לְהַחֲיוֹת רוּחַ שְׁפָלִים וּלְהַחֲיוֹת לֵב נִדְכָּאִים".

איינס פון די גרעסטע תיקונים, איבער וועלכער **מורינו ורבינו שליט"א** איז זייער אפט מעורר אין די ימי **השובבי"ם**, איז אין די עבודה פון **תיקון המידות**, און איבערדעם אז מען זאל זיין א **מעביר על מידותיו**, וואס דורכדעם איז מען זוכה צו א גרויסע כפרה און א תיקון פאר אלע עוונות. אזוי ווי אונזערע הייליגע חז"ל האבן געזאגט (ר"ה יז.): "כָּל הַמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו, שֶׁנֶּאֱמַר (מיכה ז, יח) 'נֹשֵׂא עָוֹן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע', לְמִי נוֹשֵׂא עָוֹן – לְמִי שֶׁעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע".

***

מרן הגה"צ בעל **הבית הלוי זצוק"ל גאב"ד בריסק**, איז אמאל געזעצן מיט זיין זון, **מרן הגאון רבי חיים זצוק"ל**, און האבן צוזאמען עוסק געווען אין די טיפענישן פון א סוגיא, כדרכם בקודש. ער האט אראפגעלייגט זיין הוט אויפן בענקל נעבן אים, און צוביסלעך איז ער אריינגעגאנגען טיפער און טיפער בְּעֹמֶק הָעִנְיָן.

פלוצלונג איז דער ארטיגער **'קצב'** אריינגעקומען אין הויז, און מיט גרויס חוצפה און עזות האט ער געעפנט דעם טיר פונעם רב און מרא דאתרא, און אן צו בעטן קיין רשות, האט ער זיך גענומען שרייען און צערנען אויפן רב, פארן פסק'נען אנטקעגן אים ביי דער דין תורה וואס ער האט געהאט אין זיין בית דין מיט עטליכע טעג פריער.

איידער ער האט אנגעהויבן צו רעדן, האט דער בית הלוי אנגעטון זיין הוט כדי צו פסק'נען זיין דין, וויבאלד ער האט געטראכט אז מעגליך איז דא עפעס א חידוש אינעם דין. אבער גאנץ שנעל איז קלאר געווארן אז עס איז נישטא קיין שום חידוש, נאר דער קצב איז פשוט אויפגערעגט. דער קצב האט געעפנט זיין מויל, און האט גענומען צערנען, זאגנדיג: איך בין זיכער, אז דער רב האט דא באקומען 'שוחד' פונעם אנדערן זייט! ווייל, וויאזוי דען האט דער רב גע'פסק'נט אנטקעגן מיר?

חלילה וחלילה! האט דער רב גלייך געזאגט, עס איז דא נישט געווען קיין שום שוחד, און וואס איך האב גע'פסק'נט איז געווען עַל פִּי דִּין תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה!

אויב אזוי, האט דער קצב געזאגט, זאל אייך השי"ת באצאלן אזוי ווי עס קומט זיך אייך! און דא האט דער קצב גענומען גיסן פון זיין מויל א רעגן פון שרעקליכע קללות איבערן קאפ פונעם הייליגן רב! מיט זיין גרויס חוצפה האט ער זיך געוואגט זיך צו עפענען זיין מויל אזוי שרעקליך קעגן דעם גרויסן און הייליגן רב, און אים שעלטן מיט שרעקליכע קללות.

דער בית הלוי איז געזעצן אויף זיין הייליגן ארט, מיט שווייגעניש, און אויף יעדן קללה וואס יענער האט געשאלטן, האט ער גלייך אויפן ארט געענטפערט: מָחוּל לָךְ! מָחוּל לָךְ! – אזוי האט זיך עס געצויגן א לאנגע צייט, ווען דער קצב איז געשטאנען דארט און געשאלטן, און אין דער זעלבער צייט איז דער רב געשטאנען און האט איבערגע'חזר'ט איינמאל און נאכאמאל אז ער איז אים מוחל!

אויפצומארגנס, ווען דער קצב איז אנגעקומען צו זיין ארבעט, איז ער געגאנגען אויסזוכן א גוטע בהמה צום שעכטן, און אט האט ארויסגעשפרינגען קעגן אים א **גרויסן פארכטיגן אקס** מיט א גרויסן צארן, און האט אים אנגעהויבן שטויסן מיט זיינע הערנער און צוקלאפן מיט זיינע פיס מיט גרויס כעס, און וויבאלד דער אקס איז געווען אזוי ווילד, איז נישט געגאנגען פארן קצב זיך ארויסצודרייען פון אים, ביז ער האט דארט געפינען זיין טויט!

די שרעקליכע פריצייטיגע טויט פונעם קצב, נאכן זיך חוצפה'נען קעגן דעם רב, איז פארוואנדלט געווארן אינעם רעדע פונעם טאג אין בריסק, און יעדער האט געהאט גרויס כבוד פארן חשוב'ן רב, און פון יענעם טאג און ווייטער האט מען זייער שטארק מורא געהאט צו ווידערשפעניגן זיינע רייד.

אבער ווען די שווערע שמועס איז אנגעקומען צו די אויערן פונעם בית הלוי זעלבסט, האט ער אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין. זיין הארץ איז געווארן זייער צובראכן ביי זיך, וויבאלד ער האט מורא געהאט טאמער צוליב די קפידה וואס ער האט מקפיד געווען אויף יענעם קצב, איז פארכאפט געווארן אין אים א **'גזירת נח"ש'** וואס קומט, כידוע, פאר די וואס שפעטן אויף די רייד פון די חכמים, און דעריבער איז ער גע'הרג'עט געווארן און איז געשטארבן. ער איז אזוי ארומגעגאנגען ביי אים אינדערהיים, שטארק צושטורעמט, און האט נישט געפינען קיין מנוחה.

ווען רבי חיים האט געזען ווי זיין טאטע איז אזוי שטארק פאר'צער'ט, האט ער זיך געוואנדן צו אים און האט אים געפרעגט: טאטע, תּוֹרָה הִיא וְלִלְמֹד אֲנִי צָרִיךְ, ווייל די גאנצע צייט וואס דער קצב איז געשטאנען און האט געשאלטן, האסטו אסאך מאל איבערגע'חזר'ט די ווערטער 'מָחוּל לָךְ! מָחוּל לָךְ'!

אזוי? – האט דער בית הלוי געפרעגט. דו ביסט זיכער אז איך האב קלאר געזאגט אז איך בין אים מוחל?

איז רבי חיים אויפגעשטאנען, און האט געוויזן פאר זיין טאטן דעם פונקטליכן פלאץ וואו ער איז געזעצן ווען דער קצב איז אריינגעקמען ביי זיי אינדערהיים. אט דא, האט רבי חיים געזאגט, אויף דעם שטיין איז דער טאטע געזעצן, און האט קלאר ארויסגעזאגט מיטן מויל, אויף אלע שאנדפולע ווערטער, אז ער איז מוחל אויף אלעס!

ווען דער הייליגער בית הלוי האט דאס געהערט, האט ער זיך בארואיגט, און ער האט געזאגט: אויב אזוי, איז זיין טויט איבערהויפט נישט געקומען דורך מיר! ווייל איך האב דאך קלאר געזאגט אז פון מיין זייט בין איך אים מוחל, און וויבאלד עס איז דא געווען א קלארע מחילה, איז דא נאר פארהאנען א חֶשְׁבּוֹן שָׁמַיִם מיט יענעם מענטש, ווייל מִן הַשָּׁמַיִם האט מען מקפיד געווען אויפן כבוד פון די הייליגע תורה!

פונדעסטוועגן, האט דער בית הלוי געפילט אן אחריות פאר די נשמה פון דער וואס האט אים געשאלטן, ערקלערנדיג אז וויבאלד דורך אים האט זיך צוגעפירט זיין טויט, דארף ער זארגן פארן תיקון פון זיין נשמה. דורכאויס דעם גאנצן יאר, האט דער בית הלוי געזאגט 'קדיש' און געלערנט משניות לעילוי נשמתו, און ער האט יעדן יאר געהאלטן דער טאג פון זיין יארצייט.

**לערנען מיר ארויס פון דא, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט דער געהויבנקייט פון תיקון המידות!**

***

הרה"ק בעל **אמרי אמת מגור זצוק"ל**, האט זיך אמאל באשעפטיגט צו צושטערן א גזירה פון שטייער וואס די רעגירונג האט ארויפגעלייגט אויף די אידישע קינדער. כדרכו בקודש האט ער אויסגענוצט זינע פארבינדונגען ביי עטליכע פון די שָׂרֵי הַמְּלוּכָה אינעם הויפטשטאט, און ער האט נישט גערוט ביז די גזירה איז בטל געווארן, און פילע טויזנטער אידן האבן פריי אפגעאטעמט.

עס איז אבער געווען א איד וועלכער איז געווען א מקורב למלכות און איז געווען א געערטער יועץ פון איינער פון אט די שרים, און ער האט זיך געשפירט באפאטשט דורכדעם וואס די גזירה איז צושטערט געווארן, ווי עס זעט אויס פלעגט ער נעמען דאס מערסטע געלט פון די שטייערן און עס אריינלייגן אין זיין אייגענע קעשענע... ער האט דעריבער באשלאסן צו באשמוצן דעם נאמען פונעם צדיק, און פארשווארצן זיין נאמען ביי די רעגירונג. דעריבער האט ער צוזאמגעשטעלט עפעס א 'פאלשער בלבול', און ער האט אויסגעשטעלט עפעס א 'מעשה' וואס איז געווען ווייט פונעם אמת **כִּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב**... ער האט עס אזוי קונצליך צוזאמגעשטעלט, ביז ער האט שוין געהאט גרייט א פולשטענדיגע 'מלשינות בריוו' קעגן דער הייליגער אמרי אמת, גרייט עס צו שיקן צו די הויפטשטאט ווארשא.

ער האט אבער זייער מורא געהאט, טאמער ווען די חסידים געוואויר ווערן אז ער איז דער מוסר און מלשין... דעריבער האט ער זיך געהאנדלט מיט קלוגשאפט, און וועלנדיג זיכערמאכן אז קיין איינער זאל נישט אויסגעפינען אז ער איז שולדיג אין דעם, ווען מען וועט פראבירן אויסטרעפן ווער עס איז דער 'מוסר', האט ער אין דער זעלבער צייט געשריבן א שיינעם און מכובד'יגן בריוו צום הייליגן רבי'ן דער אמרי אמת, וואו ער האט שטארק אויסגעלויבט דעם רבי'ן, און אים הארציג באדאנקט פארן מבטל זיין די שווערע גזירה, וואס האט אזוי שטארק געהאלפן צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער, און האט אונטערגע'חתמ'עט מיט פילע ברכות.

יעצט איז ער געווען רואיג און פארזיכערט אז עס וועט נישט פאלן אויף אים קיין שום חשד, וויבאלד ער איז דאך דער וואס באדאנקט זיך פארן צושטערן די גזירה, און אויך טוט ער שטארק אויסלויבן דעם רבי'ן, אים וואונטשנדיג אזוי ווארים.

אבער, פון הימל היט מען אפ דעם זעל פונעם צדיק מיט גאר א געהויבענע שמירה, און מיט א ספעציעלע השגחה, אזוי ווי מיר ווייסן, און ווען דער מענטש איז געגאנגען צו דער 'פאסט' צו שיקן די צוויי בריוו וואס ער האט געהאלטן אין האנט, דאס ערשטע צום קעניגליכן פאלאץ אין ווארשא, און די צווייטע צום חצר הקודש אין גור, האבן זיך די בריוו 'בטעות' אויפגעטוישט אין די לעצטע מינוט... און אזוי איז אויסגעקומען אז צום קעניגליכן פאלאץ איז אנגעקומען א בריוו פול מיט לויב אויפן הייליגן צדיק, און הארציגע ברכות פארן צושטערן די גזירה! און צום הויף פונעם רבי'ן איז אנגעקומען א בריוו פול מיט פיינטשאפט און פאלע בלבולים, רחמנא ליצלן!

ווען דער ערשטער בריוו איז אנגעקומען אינעם קעניגליכן פאלאץ, האבן עס די שרים געליינט מיט גרויס פארגעניגן, און וויבאלד זיי האבן געקענט דעם איד וואס איז געווען מקורב למלכות, האבן זיי פארשטאנען דערפון אז ער שיקט זיי דא א בריוו מיט

המשך אין עמוד ד' >

דאנק פאר זייער טירחא צו מבטל זיין די גזירה...

אבער ווען דער הייליגער רבי האט געליינט דעם צווייטן בריוו וואס איז אנגעקומען קיין גור, האט עס דער רבי גענומען און שטילערהייט אריינגעלייגט אין זיין לעדל, אָן צו דערציילן דערוועגן פאר קיין שום מענטש!

עטליכע טעג שפעטער, איז אנגעקומען די ידיעה צו איינער פון די מקורבים פונעם רבי'ן, אז אינעם קעניגליכן פאלאץ איז אנגעקומען א בריוו פון יענעם באוואוסטן אידישן מקורב למלכות, וואו ער לויבט שטארק אויס דעם צדיק אויף זיין טירחא, און באדאנקט זיך פארן צושטערן די גזירה. מיט זיין גרויס חכמה און פקחות, האט דער רבי גלייך אויפגעכאפט דעם 'טעות' פון יענעם איד, און האט גלייך פארשטאנען וואס זיין אמת'ע כוונה איז געווען, וויבאלד ער האט שוין גוט געקענט יענעם איד און זיינע מעשים... און ער האט געדאנקט השי"ת וואס האט דאס אזוי וואונדערליך צוגעפירט ברוב רחמיו לטובה ולברכה.

דאס אנקום פונעם 'דאנק בריוו' פון יענעם איד צום קעניגליכן פאלאץ, איז באוואוסט געווארן צווישן די אידן איןווארשא און אין גור. א שטיק צייט שפעטער איז דער איד געקומען קיין גור אויף א באזוך, וואו יעדער האט אים זייער שיין אויפגענומען מיט כבוד און שעצונג, פארן שיקן אזא הערליכן בריוו צום קעניגליכן פאלאץ... וואו ער האט אויסגעלויבט דעם רבי'ן, און אויפגעהויבן זיין כבוד אין די אויגן פון די שרים.

איין איינציגער מענטש וואס האט געוואוסט דעם גאנצן אמת, פונעם נידעריגן פלאן וואס אט דער מכובד'יגער מענטש האט געפלאנט... איז געווען דער הייליגער רבי אליין, וועלכער האט באקומען דעם צווייטן בריוו וואס איז געווען אדרעסירט צו די שרים... אבער כדרכו בקודש האט ער **מעביר געווען על מידותיו**, און ער האט גארנישט גערעדט דערוועגן. נאר אדרבה, ער האט מקרב געווען יענעם איד, און אים זייער שיין אויפגענומען, און יענער איד האט אבערהויפט נישט געטראכט אז יענער 'פיינטליכער בריוו' איז אנגעקומען אין די הענט פונעם הייליגן רבי'ן...

אזוי האט זיך איבערגעדרייט דאס הארץ פונעם איד, זענדיג פון דער נאנט די וואונדערליכע וועגן פון אט דער הייליגער און וואונדערליכער צדיק, און האט אנגעהויבן ווערן נאנט צו אים. ער איז נאכדעם געקומען עטליכע מאל באזוכן אינעם חצר הקודש אין גור, און יעדן מאל האט אים דער הייליגער רבי דער אמרי אמת מקרב געווען מיטן גאנצן הארץ, און האט נישט געהיטן קיין שום פיינטשאפט קעגן אים, און האט גארנישט אנטפלעקט פון די גאנצע מעשה!

**פון דא לערנען מיר ארויס, אויף ווי ווייט עס גייט דער ענין פון מעביר על מידותיו!**

***

עס האט מיר דערציילט אַן איש נאמן פון די חשוב'ע משפחת **טורק** אין די שטאט **בני ברק** יצ"ו.

כידוע, האט זיך דער הייליגער **חזון איש זצוק"ל** געפירט, אז יעדן אינדערפרי, נאכן ענדיגן דאווענען תפילת שחרית מיט דער נץ החמה, איז ער ארויסגעגאנגען צוליב זיין געזונט פאר א קורצער שפאציר. צומאל, האט ער געדארפט אינמיטן זיין שפאציר, אביסל אויסציען זיינע מוסקלען און זיי שטארקן, און ער פלעגט אויפהייבן זיין שטעקן אויף ארויף און האט עס געהאלטן מיט זיינע צוויי הענט, אדער אונטער זיך אונטער זיין רוקן, א.ד.ג..

די חשוב'ע מאמע פון משפחת טורק פלעגט עס מיטהאלטן פון די פענסטער פון איר הויז, וואס האט זיך געפינען נישט ווייט פון דארט, און ווען זי האט געזען ווי דער הייליגער חזון איש דערנענטערט זיך, פלעגט זי שנעל רופן אירע קינדער טראצדעם וואס עס איז נאך געווען זייער פרי, אז זיי זאלן צוקומען צום פענסטער צו זען די הייליגע צורה פונעם צדיק, גייענדיג אין גאס.

אביסל העכער אויפן זעלבן גאס, האט געוואוינט אן עלטערער איד, א מלחמה־איבער פון אונגארן, וועלכער האט נישט געקענט דעם הייליגן חזון איש, און גארנישט געוואוסט וועגן אים. ער איז געווען א תמימות'דיגער מענטש און אויך אביסל א היציגער...

און אט די פירונג פון א 'טעגליכן שפאציר' גלייך אינדערפרי, האט אים עפעס נישט געפאָלן... ער האט געמיינט אז אט דער שפאציר ווערט אפגעראכטן נאך פארן דאווענען, פון לאנגווייליגקייט...

איין טאג איז דער זקן צוגעגאנגען צום הייליגן חזון איש, אזוי אינמיטן זיין שפאציר, און האט אים שארף פאָרגעהאַלטן, אז דאס איז נישט ריכטיג פאר אן עלטערן איד אזוי ארויסצוגיין שפאצירן סתם אזוי אין גאס פארן דאווענען... איבערהויפט ווען ער לייגט נאך צו, פון מאל צו מאל, אלערליי סארטן איבונגען [התעמלות], אויפהייבנדיג די הענט מיטן שטעקן, א.ד.ג. עס וואלט דאך געווען אסאך מער חשוב צו זאגן עטליכע **קאפיטלעך תהלים** פארן דאווענען! ער האט ווי פארשטענדליך בכלל נישט געוואוסט און זיך אפילו נישט פאָרגעשטעלט אז פאר אים שטייט דער גדול הדור, וויבאלד דער הייליגער חזון איש איז געגאנגען אנגעטון כְּאַחַד הָאָדָם, נישט קיין רבני'שע הוט מיט א ברייטן זוים... און נישט מיט קיין זילבערנע שטעקן...

אויפצומרגנס, ווען דער הייליגער חזון איש האט זיך ארויסגעלאזט פארן פרימארגן שפאציר, האט ער געטוישט זיין גאנג, און פון דעמאלטס איז ער מער נישט געגאנגען דורך יענעם גאס, כדי ער זאל מער נישט באגעגענען יענעם מענטש ביי זיין שפאציר.

א שטיק צייט שפעטער האט יענער זקן געהאט א חולה מסוכן ל"ע ביי אים אינדערהיים, און וויבאלד ער האט געהערט איבער דער הייליגער חזון איש, האט ער געוואלט מזכיר זיין דער חולה פאר אים צו מתפלל זיין פאר זיין היילונג.

ער האט געבעטן אז מען זאל אים ווייזן וואו דער הייליגער חזון איש וואוינט, און ווען ער איז אריינגעגאנגען אינעווייניג איז אים געווארן פינסטער פאר די אויגן, וויבאלד ער האט געזען ווער עס איז... ער האט אנגעהויבן טרייסלען מיט א שרעקליכער פחד, דערפאר וואס ער האט אים פארשעמט און אויסגע'מוסר'ט.

דער הייליגער חזון איש האט זיך אבער גלייך געוואנדן צו אים מיט גרויס ליבשאפט, און האט אנגעהויבן רעדן צו אים מיט גרויס ליבליכקייט, זאגנדיג: א גרויסן יישר כח דיר, פאר מיר מעורר זיין! האסט דאך זייער גוט געזאגט! און איך בין טאקע מקפיד צו זאגן תהלים יעדן טאג! – אזוי ווי עס איז באוואוסט אז דער הייליגער חזון איש האט זיך געפירט צו זאגן מזמורי תהלים יעדן אינדערפרי.

**לערנען מיר ארויס פון דא אויף ווי ווייט עס איז וויכטיג צו אכטונג געבן אויף גוטע און ערליכע מידות!**





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!
מכון טיב





יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173